ער (ג־ט) וועט אים געבן לעבן, פאַר די, וועלכע
זינדיקן נישט צום טויט. עס איז פאַראַן אַ זינד
צום טויט; נישט פאַר יענער זאָג איך, אַז ער
17 זאָל בעטן! יעדע עוולה איז אַ חטא; און עס איז
פאַראַן אַ זינד נישט צום טויט.
18 מיר ווייסן, אַז יעדער איינער, וועלכער איז
געבוירן געוואָרן פון ג־ט, זינדיקט נישט; נאָר דער,
וואָס איז געבוירן פון ג־ט, היט זיך אָפּ, און דער
19 נישט־גוטער רירט אים נישט אָן. מיר ווייסן, אַז מיר
זענען פון ג־ט, און די גאַנצע וועלט ליגט אין דער
20 (מאַכט) פונם נישט־גוטן. און מיר ווייסן, אַז דער
בן אלקים איז געקומען און אונדז געשענקט אַ פאַר־
שטאַנד, כדי מיר זאָלן דערקענען דעם וואָרהאַפטיקן;
און מיר זענען אין דעם וואָרהאַפטיקן, אין זיין זון
ישוע המשיח. דאָס איז דער וואָרהאַפטיקער ג־ט
21 און דאָס אייביקע לעבן. קינדער, היט זיך אָפּ
פון די אָפּגעטער.